# זינגען די מויערן די אייביק באוואכטע

## 1

### וויפיל וועלט און ווינט

וויפיל וועלט און ווינט גייט אַרויף
אויף איינאיינציקן געזיכט ?
ווינציק. ווי אַ טרער מיט נאָך אַ טרער.

און וואָס איז זון ?
אַ מעסטל ליכט.
נישט מער.

נאָר זעט איר אַלע אויף די גאַסן
דעם מענטש, דעם שר,
וואָס גייט און קיניגט
צווישן וואָלקן און טראָטואַר ?

וואָס קאָן זיין הייליקער ?
וואָס קאָן זיין שענער ?

אָבער אין אונדזערע קאַמערס
פּאַטשן די טעג
מיט פאַרצווייפלטע פליגל,
ווי געבונדענע הענער.

2

## צווייגלעך

אָפּגעבראָכענע אונדזערע נעכט,
ווי צווייגלעך פון אַ גאָדלבוים,
וואָס דער שוידער איז אים פרעמד
פון בליען און פאַרגיין.

3

## אויסגעליידיקט

לאָמיר אַרויסשיקן שליחים
אויף די גרויסע לאַנד־יאַרידן
איינזאַמלען אַלע טריט —
אונדזערע פריערדיקע טריט...

אויף רענדלעך גילדענע פון זון,
אונטער לופט־קושן פון ווינט;
אונדזערע פריערדיקע טריט,
וואו זיינען זיי אַנטרונען?

איצט זיינען מיר אויסגעליידיקט,
ווי אַ קינד, וואָס זעט אין שלאָף
בערג מיט שפּיצן פּורפּורנע
שיפן זיך אויף טייכן מילך
אונטער בריקן פון שאָקאָלאַד.
— — — — — — — — — —
האָט זיך אַ קאַץ אַריינגעגנבעט,
דעם קינד די אויגן אויסגעשטאָכן.